


# 1099-G שטייער אינפארמאציע פאר אויסגעלאזטע ארבעטער פאנד

## אינפארמאציע וואס איר דארפט פאר איינקונפט שטייער פיילינג

אויסגעלאזטע ארבעטער פאנד (Excluded Workers Fund, EWF) בענעפיטן ווערן גערעכנט אלץ טעקסעבל איינקונפט. כאטש צאלונגען זענען ארויסגעשיקט געווארן מיט סטעיט שטייערן שוין ארויסגענומען, קענען די באצאלונגען נאכאלץ זיין אויסגעשטעלט צו פעדעראלע איינקונפט שטייער.

די סטעיטמענט פאר גענעסער פון געוויסע גאווערנמענט צאלונגען (1099-G) (The Statement for Receipients of Certain Government Payments) שטייער פארעמס זענען ערווארטעט צו זיין גרייט אין שפעט יאנואר 2022 פאר ניו יארקער וועלכע האבן באקומען EWF צאלונגען אין קאלענדער יאר 2021. די שטייער פארעם שטעלט צו די גאנצע סומע פון EWF געלטער וואס איר זענט געווארן באצאלט פון NYS DOL אין 2021, ווי אויך סיי וועלכע טוישונגען אדער שטייער צוריקהאלטונג געמאכט צו אייער בענעפיטן. איר מוזט ארייננרעכענען די פארעם מיט אייער שטייער פיילינג פאר די 2021 קאלענדער יאר.

באמערקונג: 1099-G שטייער פארעמס פאר ארבעטסלאזע אינשורענס און פאנדעמיק ארבעטסלאזע בענעפיטן זענען באזונדער. גיי צו **dol.ny.gov/unemployment/1099-g-tax-form** פאר מער אינפארמאציע.

## וויאזוי צו באקומען אייער G-1099 שטייער פארעם

אייער 1099-G שטייער פארעם וועט ווערן ארויסגעשיקט צו אייך אין די פאסט אויף די אדרעס וואס איר האט צוגעשטעלט אין אייער EWF אפליקאציע.

## 1099-G פאָרעם אויסרעכענונג

די אינפארמאציע אויף די 1099-G שטייער פארעם איז צוגעשטעלט ווי פאלגענד:

- קעסטל 6: טעקסעבל גרענטס - די קעסטל רעכנט אריין די דאלער סומע באצאלט אין EWF בענעפיטן צו אייך דורכאויס די קאלענדער יאר.
- קעסטל 11: סטעיט אינקאם שטייער צוריקגעהאלטן - די קעסטל רעכנט אריין די גאנצע סומע פון סטעיט איינקונפט שטייערן צוריקגעהאלטן פון אייער בענעפיטן פאר די קאלענדער יאר.

## האט איר נישט באקומען אדער זענט איר נישט מסכים מיט אייער 1099-G אינפארמאציע?

אויב איר האט נישט באקומען אייער 1099-G שטייער פארעם אדער איר טוט נישט צושטימען מיט סיי וועלכע אינפארמאציע געגעבן אויף אייער 1099-G שטייער פארעם, ביטע פילט אויס די EWF Customer Feedback פארעם אויף **dol.ny.gov/unemployment/1099-g-tax-form** וועלט אויס די אפציע "איך האב א פראבלעם מיט מיין 1099-G שטייער פארעם" און געבט ווייטערע דעטאלן ארייננגערעכנט אייער EWF Claim ID נומער. NYSDOL וועט איבערקוקן אייער נאכפראגע און אייך שיקן אן איבערגעמאכטע 1099-G שטייער פארעם אדער א בריוו זיך מסביר צו זיין.

## אפט געפרעגטע פראגעס

**פראגע: איז די 1099-G א ביל?**

ניין, עס איז נישט א ביל. עס איז א שטייער פארעם וואס צייגט וויפיל איר זענט געווארן באצאלט אין EWF בענעפיטן פון NYSDOL אין א קאלענדער יאר 2021.

**פראגע: וואס זאל איך טון מיט די 1099-G שטייער פארעם?**

איר מוזט ארייננרעכענען די פארעם מיט אייער טעקס רעטורן און ארייננרעכענען די EWF בענעפיטן וואס איר זענט געווארן באצאלט אין אייער געהאלט פאר די דערמאנטע קאלענדער יאר. אויב איר נוצט א שטייער אנגרייטער אדער איר טוט אן e-file, ביטע מאכט זיכער ארייננצורעכענען די 1099-G פארעם מיט אייער אנדערע שטייער אינפארמאציע פאר די קאלענדער יאר. באראט אייך מיט אייער שטייער אנגרייטער אדער די NYS אפטיילונג פון שטייער און פינאנץ אויב איר האט פראגן וועגן אייער 1099-G פארעם. איר קענט אויך זיין בארעכטיגט צו טון אן e-file אומזיסט.  פאר מער אינפארמאציע וועגן איינגעבן ניו יארק סטעיט איינקונפט שטייערן, גיי צו **tax.ny.gov**

**פראגע: די אדרעס אויף מיין 1099-G פארעם איז נישט ריכטיג. וועט עס אפעקטירן מיין רעטורן?**

ניין, ווילאנג די סאושעל סעקיוריטי נומבער אדער ITIN אויף אייער פארעם איז ריכטיג.

**פראגע: וואס פאסירט אויב איך האב נישט א סאשעל סעקיוריטי נומבער אדער ITIN?**

ואיר קענט נישט איינגעבן א פעדעראלע טעקס רעטארן אן א סאשעל סעקיוריטי נומבער אדער ITIN. ביטע באזוכט **irs.gov/individuals/new-york-state-residents-excluded-workers-fund-payments** אדער **irs.gov/individuals/how-do-i-apply-for-an-itin** פאר מער אינפארמאציע.

**פראגע: קען איך האבן מיין שטייער צוריקהאלטונג צוריקגעגעבן צו מיר?**

די דעפארטמענט אוו לעיבאר (The Department of Labor) קען נישט צוריקגעבן סיי וועלכע צוריקגעהאלטענע שטייער צו אייך. נאר די פעדעראלע אדער סטעיט גאווערנמענט קען צוריקגעבן צו אייך אלץ טייל פון אייער איינקונפט שטייער רעפאנד.

**פראגע: זענען EWF בענעפיטן אויסגעשלאסן פון איינקונפט שטייער?**

די גאנצע סומע פון EWF בענעפיטן איר באקומט איז טעקסעבל צו ניו יארק סטעיט אונטער ניו יארק סטעיט שטייער געזעץ. ניו יארק סטעיט שטייערן זענען צירוקגעהאלטן געווארן ווען אייער באצאלונג איז געמאכט געווארן און עס איז נישט דא קיין ניו יארק סטעיט אויסנאמען. פאר פראגען אנבאלאנגט פעדעראלע שטייערן, ביטע פארבינדט זיך מיט די אינטערנאל רעוועניו סערוויס (IRS) Internal Revenue Service אויף **irs.gov**.